ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת צו תשפ"ו / גליון כ"ג

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ"ו

# שמחת בית טאהש

**געהויבענע שמחה בחצרות קדשינו**
**פארגעקומען בין כותלי מוסדותינו הקדושים**

שישו ושמחו בשמחת רבינו

דעם פארגאנגענעם פרייטאג פרשת ויקרא איז געפראוועט געווארן בין כותלי מוסדותינו הקדושים די געהויבענעם שמחה בבית צדיקים שמחת החלאקע פונעם רבינ׳ס אייניקל הילד החשוב יצחק אייזיק סג״ל נ״ו מתלמידי המוסדות בן הגה״צ אב״ד שליט״א בנו יקירו וחביבו פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א נשיא המוסדות

די געהויבענע מעמד האט זיך אנגעפאנגען פרייטאג אינדערפרי שעה׳ן ווי די קינדער האבן שוין אפגעווארט די געהויבענע בני משפחה און חדר האוכל שע״י בנין המוסדות וואס איז געווען שיין אנגעגרייט לכבוד די גרויסע שמחה בחצרות קדשינו די גאנצע מעמד איז הערליך געפירט געווארן אינטער די אויפזוכט פון די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים פונעם תלמוד תורה.

ווען מען האט מקבל געווען די ילד החלאק אונאיינעם מיט הגה״צ אבד״ק שליט״א האבן צום ערשט די קינדער געזונגען אינאיינעם אפאר ניגוני שמחה און ניגונים וואס מען זונגט ביי א שמחה בחצרות קדשינו אנגעפירט דורכ׳ן געטרייע און איבערגעגעבענע סגן מנהל הרב משה מרד הכהן שטיינבערגער שליט״א.

דערנאך האט די ילד החלאקע געזאגט די הייליגע אלף בית צוזאמען מלמד מומחה רבות בשנים הרב חיים ראטטענשטיין שליט״ מלמד כתה א׳ במוסדותינו הק׳ .

דערנאך האט די גרויסע בעל שמחה הגה״צ די רב שליט״א געמאכט א לחיים און מעציל געווען ברכות לרוב פאר אלע לעכטיגע קינדעלעך און עקסטע אנגעוואונטשן די געטרייע מלמדים און עוסקים במלאכת הקודש זיי זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט זייער עבודת הקודש מיט׳ן מרביץ תורה זיין פאר די לעכטיגע ערליכע קינדערלעך.

דערנאך זענען אלע קינדער א דורך געגאנגען געבן לחיים און דער רב האט פארטיילט לקח פאר אלע קינדער און זיך אינטערסירט אויף יעדע אינגל ווער ער איז און וואס ער מאכט.

תיכף ווען די געהויבענע מעמד האט זיך געשלאסן זענען אלע קינדער אהיים געגאנגען.

אן אינטערסאנטע עפיזאד האט זיך אפגעשפילט ווען די קינדער זענען אהיים געגאנגען. ווען בשעת דעם איז געשטאנען הגה״צ די רב שליט״א און זיך צוגעקוקט מיט א קענטיגע הנאה צו זעהן ווי די לעכטיגע קינדערלעך גייען אהיים אזוי איידל און באשיידן ווי עס פאסט פאר קינדער וואס גייען און די הייליגע רב׳ס מוסדות.

ווען אלע קינדער זענען שוין געווען אויף די באסעס איז הגה״צ די רב שליט״א ארויף אויף די באסעס צו זעהן ווי אזוי די קינדער פירן זיך אויף.

דאס שמחה האט איבערגעלאזט גאר שטארקע ר די לעכטיגע תלמידי המוסדות אנצוגיין ווייטער אויפ׳ן הייליג׳ן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רביה״ק זי״ע און ווי עס פון פירט אונז ווייטער אבינו רועינו הוד כ״ק מרן רבינו שליט״א צו שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

די אייבערשטער זאל העלפן די שמחה זאל זיך ווייטער ציען און די רב זאל זעהן אסאך פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט און ווייטער קענען אנגיין מיט די הרבצת התורה און שטיין און שפיץ פון די וועד פון מוסודתינו הקדושים המתנוסס לתפארה געזונטערהייט.

און עקסטערע ברכה פארן ראש בית אב אבינו רועינו הוד כ״ק מרן רבינו שליט״א ער זאל ווייטער זעהן אסאך תענוג ונחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט און פון אונז די לעכטיגע תלמידים קרויים בנים און ווייטער קענען פירן די עדה הקדושה על מי מנוחות און אונז אנקעגן פירן משיח צדיקנו בב״א.

**שישו ושמחו בשמחת רבינו**

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## הכנה ליו"ט

די גאנצע מוסדות קאכט און ברענט ווי מען גייט און ווי מען שטייט גרייט מען זיך צום הייליגן גרויסן יום טוב פון פסח וואס איז שוין ביים שוועל.

די לעכטיגע קינדערלעך חזר'ן די הייליגע סימנים וואס מיר זענען זיך נוהג צו זאגן ביים סדר טיש מיט א מורא'דיגע נעימות. אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע הייליגע אבות הקדושים און אונזערע הייליגע רבי'ס שרפי מעלה זצ"ל.

אפילו די גאר יונגע קינדערלעך פון די נורסערי קלאס און שפיץ פונעם געטרייע מלמד הרב אפרים יואל פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב מיט א מורא'דיגע ברען ווען די חשובע מלמד מאכט זיכער ווי יאר יערליך אז די לעכטיגע קינדערלעך זענען גרייט ווי גרויסע קינדער צום סדר נאכט.

די וואך האט די געטרייע מלמד אויסגעשפילט וויאזוי די ערליכע אידן גרייטן זיך צום הייליג'ן יום טוב ווען איין טאג האט די מלמד אויסגעשפילט פאר די לעכטיגע קינדערלעך די גאנצע בדיקת חמץ מיט די צען ברעקעלעך כדי די קינדער זאלן אנקומען צום הייליג'ן יום טוב גרייט ווי עס פאסט פאר די לעכטיגע קינדערלעך פון די הייליגע טאהש'ע חדר.

אזוי אויך און אלע אנדערע כתות פונעם תלמוד תורה גרייט מען זיך צום הייליג'ן גרויסן יום טוב יעדער איינער אויף זיין שטייגער און יעדער איינער לויט זיין גיל עס איז כדי פאר יעדעם איינעם צו קומען זעהן די הייליגע קינדערלעך וויאזוי זיי גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב און שעפן דערפון הויפענעס פון נחת.

השי"ת זאל העלפן בכוחו ובזכותו פונעם הייליג'ן רבי'ן זי"ע וואס די מוסדות איז נקראת על שמו זאלן אלע חשובע עלטערן זיין געבענטשט מיט אלע גיטע זאכן און השפעות טובות זוכה זיין צו בני חיי ומזוני רויחי און ווייטער זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער ווי זיי שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רביה"ק זי"ע.

## מודעה

### מטעם מערכת מוסדות בלעטל

זיך גרייטענדיג צום הייליגן גרויסן יום טוב פסח הבעל"ט וואס מיר שטייען שוין ביים שוועל גרייטן מיר זיך בעזר השם ארויסצוגעבן א שיינע הערליכן מוסדות בלעטל לכבוד יום טוב פסח זמן חירותינו מיט שיינע ארטיקלען געאייגענט פאר א יעדעם איינעם צו האבן א שמחת יום טוב.

על כן קומען מיר יעצט מיט א בקשה צו די חשובע עלטערן און די חשובע לייענער אז אויב האט איר סיי וואספארא געדאנק פון א זאך וואס קען צוגעבן צום גליון ביטע פילט אייך פריי פון אונז רופן און איבער געבן אייער געדאנק.

מען אריין רופן אונעם אפיס פונעם מוסדות אויף טעלעפאון נאמבער

**845 369 8674**

**#104**

און געבט איבער אייער געדאנק

און מיר ווערן זיך פרייען אייך צו צופרידן שטעלן אויף די בעסטע פארנעם וואס עס איז שייך.

א כשר'ן פרייליכן יום טוב

## מזל טוב

פאר ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט
און עקסטערע מזל טוב
פאר הילד החשוב **משולם פייש** נ"י-קינדערגארטן
אז זיין מאמע האט געבוירן א מיידל בעבי

פאר ידידינו היקר
מו"ה **אפרים פישל טייטלבוים** הי"ו
לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט
און עקסטערע מזל טוב
פאר הילד החשוב **ישראל יעקב יוקל** נ"י-נורסערי
אז זיין מאמע האט געבוירן א מיידל בעבי

טאהש

מיסודו
של רבינו זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בחדוה דקדושה, ובהתרגשות עילאה, משגרים אנו מיטב ברכותינו בהדרתא להאי גאון וצדיק פאר מקדושים, נעים הליכות ורב תבונות, ענף עץ אבו"ת אהוב ונערץ בפי כל באי בית ה', מרביץ תורה ויראה, בנש"ק נזר מוסדותינו הק'

## הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א

בן הגה"צ ר' יואל יחיאל קאהן שליט"א הדב"ן

## מלמד דרדקי במוסדותינו הקדושים

לרגל שמחתו הגדולה השורה בביתו

## שמחת הולדת בתו הבכירה למזל טוב

ובשמחה רבה ובחדוה עילאה משגרים אנו ברכת מזלא טב"א אל מול פני הקודש, מנורת הטהורה, עטרת תפארת ראשינו, מלכא מרנא ורבנא, צדיק כתמר יפרח

## הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור

ובכן נשמח כולנו יחד בשמחתו הגדולה, שמחת בית צדיקים, גזע אראלים ותרשישים ובעידן חדוותא יושפע לנו ממרומים, ברכות לרוב בכל מילי דמיטב בזכות הצדיקים הקדושים עדי נזכע לשמוע קול מבשר על ההרים, בביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

המברכים ברגשי הוקרה והערצה
הנהלת המוסדות

# א גריס

## פון די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן

פרשת צו - עבודת הקרבנות








שמחת בית טאהש







### קידושא רבא

לרגל בת הנולדה למז"ט אצל

**הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א**

נכד רבינו שליט"א ומלמד דרדקי במוסדותינו

**בבית המדרש דעעש**

29 North Cole Avenue

מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## הרתודה והברכה

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

**הרב אברהם יצחק הכהן קאהן שליט"א**

נכד כ"ק מרן רבינו שליט"א - ומלמד דרדקי במוסדותינו הק'

**לרגל שמחת הולדת בתו למז"ט**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה